# פרשת נצבים-וילך

## משיחת ז״ך אלול ה׳תש״מ

**– לנשי ובנות חב״ד תחיינה –**

**רשימה פרטית – בלתי מוגה**

די פילונג און די ״אַווירה״ — די שטימונג — און דער אויר אין דער הויז, הענגט דאָס אָפּ אָן ״עקרת הבית״, אָן דער פרוי פון דער הויז, וואָס זי ווערט אָנגערופן ״**עקרת הבית**״ — דער עיקר פון דער הויז, און אָן איר הענגט-אָפּ, אַז די הויז זאָל ווערן אַ ״מקדש מעט״ — אַ הויז אויף וועלכע דער אויבערשטער זאָגט ״ושכנתי בתוכם״: אָט דאָס איז אַ הויז וואָס דאָרטן קומט אַראָפּ די שכינה אין דער גאַנצער הויז, דערפאַר וואָס זי געפינט זיך אין דער האַרצן פון יעדערן וואָס געפינט זיך אין דער הויז.

און אויך אין ראש-השנה איז אונטערשטראָכן דער עיקר וואָס ס׳דאַרף אויפגעטאָן ווערן דוקא דורך פרויען:

איז דער ערשטער פסוק פון דער ערשטער קריאה פון דעם ערשטן טאָג ראש-השנה — הויבט זיך אָן, אַז ״וה׳ פקד את שרה״, אַז די ערשטע אידישע פרוי, וואָס דאָס איז געווען שרה אמנו, האָט דער אויבערשטער איר פריער געבענטשט, און דערנאָך מקיים-געווען די הבטחה, אַז פון איר איז געבאָרן געוואָרן, און פון איר איז דערנאָך געווען די פאָרזעצונג פון די אבות און פון דעם אידישן פאָלק, עד סוף כל הדורות.

אַזוי אויך אז מ׳גייט אַריבער אין דעם צווייטן טאָג, וואָס דאָרט איז די קריאת התורה אין צוזאַמענהאַנג מיט יצחק׳ן, עקידת יצחק — דערציילט ער דאָך אויך אין חומש אַז ווי אַזוי איז יצחק אויסגעוואַקסן אז ער האָט זיך געפירט ווי יצחק האָט זיך געפירט, ביז צו מוסר נפש זיין אויף אידישקייט, און דאָס האָט ניט נאָר חס ושלום ניט געשאַדט, נאָר דאָס האָט נאָך געבראַכט ״הרבה ארבה את זרעך״ — אַז דורך זיין אויפפירונג האָט ער אויפגעשטעלט אַ גאַנצן אידישען פאָלק?

דערציילט ער אין חומש אַז דאָס איז געווען דורך דערויף וואָס שרה אמנו האָט זיך אָפּגעגעבן מיט די ערציאונג פון יצחק׳ן נאָכמער ווי אברהם אבינו,

— וואָס מ׳פאַרשטייט דאָך ווי אַזוי אברהם האָט זיך מוסר נפש געווען אויף אַן ערציאונג פון זיין ״בנך יחידך״ פון זיין בן יחיד —

דערציילט ער אָבער אין חומש אז נאָכמער האָט אויפגעטאָן שרה דורך דערויף וואָס זי האָט אָפּגעהיט יצחק׳ן, ניט קוקנדיק וואָס ער איז געווען דער איין און איינציקער אידישער קינד אין יענעם דור, אַז ער זאָל ניט האָבן צוטאָן מיט די גוי׳ישקייט פון קינדער פון אַנדערע פעלקער, על דרך זה אויך מיט גוי׳ישקייט אין אַלגעמיין,

און דורך דערויף וואָס שרה האָט זיך אויף דערויף מוסר נפש געווען, ניט קוקנדיק וואָס זי האָט געדאַרפט אויף דערויף אויפמערקזאַם מאַכן, און געדאַרפט דערביי זיך שטעלן אַנטקעגן דערויף וואָס זי איז געווען אַ מכניסה אורחים, געווען איינע וואָס האָט זיך גומל חסד געווען — געטאָן גוט



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת נצבים-וילך

מיט אַלע אַראַבער, מיט אַלע מענטשן וואָס אַרום איר,

איז בשעת ס׳קומט צו ערציאונג פון אַ אידיש-קינד, האָט זי זיך ניט גערעכנט אפילו מיט די געפילן,

– וואָס דאָס איז דאָך אַ געפיל פון גמילת חסד איז דאָך דאָס א זאך וואָס דאָס איז על פי תורה, נוסף וואָס דאָס איז אין טבע – אין נאַטור – פון יעדער מוטער, און זיכער פון אַ אידישע מוטער, און זיכער פון אַ אידישע מוטער וואָס גייט אין די וועגן פון שרה אמנו –

בשעת ס׳קומט אָבער צו די ערציאונג פון אידישע קינדער – רעכנט זי זיך ניט אינגאַנצן דערמיט וואָס זי ערציעט אים אין אַן אופן אַז ער איז ״בדד ינחנו״, ער איז אַ אידיש-קינד און רעכנט זיך ניט דערמיט וואָס ער לעבט אין אַ שכונה, אין אַ שטאט, וואָס אידישע קינדער איז דאָרט ווייניק – ״ואתם המעט מכל העמים״: דאָרט איז דאָ אַ סך מערער ניט-אידישע קינדער און ניט-אידישע ערציאונג,

און זי שטרענגט זיך אָן און טוט אַלץ וואָס ס׳הענגט אָפּ אָן איר, אז די קינד – סיי אַ אינגעלע און סיי אַ מיידעלע – זאָל באַקומען די פולקאָמענע ערציאונג לויט די וועגן וואָס אָנגעוויזן געוואָרן דורך שרה, רבקה רחל ולאה – אונזערע הייליקע מוטערס, אמהות –

איז אָט דעמולט וואַקסט ער אויס א קינד וואָס ״הרבה ארבה את זרעך״, אז דאָס איז אַ סך סיי בגשמיות און סיי ברוחניות,

און ער האָט אַ ווירקונג אויף די גאַנצע סביבה אַרום אים, און פאַרשאַפט דעם גרעסטן נחת, אמת׳ע נחת, און אויך נחת אין איינפאכסטן זין – צו זיין מוטער וואָס זי האָט אים אַזוי ערצויגען, און צו דעם פאָטער און צו די גאַנצע משפחה און צו דעם גאַנצען אידישען פאלק.

און אַזוי אויך איז דאָס דערנאָך געוועזן מיט חנה הנביאה, ווי ער דערציילט אין איר נבואה, אז די ערשטע נביאה וואָס האָט אָנגעזאָגט אז משיח צדקינו וועט קומען, און ער וועט קומען אין אַן אופן פון ״וירם קרן משיחו״ מיט אַן אויפגעהויבענע שטאַרקייט און מיט אַן אויפגעהויבענע האַנט, וואָרום יעדער איד און אַלע אידן גייען אַרויס פון גלות אין אַן אופן ״ואולך אתכם קוממיות״, מיט אַן אויפגעהויבענע קאפּ, מ׳שרעקט זיך ניט פאַר קיין זאַך, וואָרום מ׳האָט מיט זיך דעם אויבערשט׳ן און אָט אָט נעמט ער אַרויס אידן על ידי משיח פון גלות,

האָט דאָס אָנגעזאָגט חנה הנביאה אין איר באַרימטע נבואה וואָס דאָס איז דאָך דער הפטרה פון ראש השנה און פון דעם ערשטן טאָג ראש השנה.

און מ׳זאָגט אַז אין וואָס איז באַשטאַנען די גרויסקייט פון חנה אז זי איז נפקדה בראש השנה – איר האָבן קינדער איז פאַרבונדן מיט ראש השנה, וואָס דעמאָלט זיינען יעדער איד און אַלע אידן נעמען אָן אויף זיך דעם אויבערשטן אַלס ״מלך ישראל״.



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.